# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:17
מוצאי שב"ק....................8:45

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............דברי הימים-א' ו'-ז'
בבלי......................חולין קל"ז
ירושלמי..............תרומות ל"ח
תוספתא............ערלה פרק א'
רמב"ם......................שגגות ח'


פרשת מצורע, שבת הגדול, ח' ניסן, שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 31 (391)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה בַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יְגַלַּח אֶת כָּל שְׂעָרוֹ אֶת רֹאשׁוֹ וְאֶת זְקָנוֹ וְאֵת גַּבֹּת עֵינָיו וְאֶת כָּל שְׂעָרוֹ יְגַלֵּחַ.** דֶער מְצוֹרָע דַארְף זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אַלֶע זַיְינֶע הָאר.

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת גִילוּחַ הֲלָכָה ג' אוֹת ב') אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז זַיְין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, דָאס אִיז זַיְין צֶלֶם אֱלֹקִים, דָאס וַוייְזְט אַז עֶר אִיז אַ אִיד אוּן אַז עֶר אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר זֶעט מֶען אַז וֶוען אֵיינֶער הֵייבְּט אָן אַוֶועק צוּ פַאלְן פוּן בַאשֶׁעפֶער וֶועט עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אָנְהוֹיבְּן צוּ שְׁנַיידְן דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הוֹיבְּט אָן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ אִיד שְׁטַארְקְן מִיט זַיְין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּרִירְן דֶערְצוּ עֶם אַרָאפְּצוּנֶעמֶען חַ"ו.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער מְצוֹרָע הָאט גֶעדַארְפְט אָפְּשֶׁערְן אַלֶע זַיְינֶע הָאר, אוּן אוֹיךְ דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת. וַוייל דָאס אִיז דִי סִימָן פוּן אַ מְצוֹרָע. דִי נְגָעִים קוּמֶען דָאךְ וַוייל מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי מֶען דַארְף, מֶען אִיז אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעוָוארְן אַ קְרֶעצִיגֶער, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער סִימָן דֶערְצוּ אַז עֶר שֶׁערְט זִיךְ אָפּ זַיְין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

אוּן דִי עֵצָה פַאר אַזַא קְרֶעצִיגֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּרִיק לָאזְן וַואקְסְן דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צוּרִיק צוּ נֶעמֶען יֶעדְן וָואס וֶוענְדְט זִיךְ צוּ אִים.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פ' תַזְרִיעַ-מְצֹרָע תש"ע לפ"ק)

***

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע הַפְטוֹרָה שְׁטֵייט, **וְאַרְבָּעָה אֲנָשִׁים הָיוּ מְצֹרָעִים פֶּתַח הַשָּׁעַר**, דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה מ"ז.) אַז דִי פִיר קְרֶעצִיגֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען גֵחֲזִי מִיט זַיְינֶע דְרֵיי קִינְדֶער. גֵחֲזִי אִיז גֶעוֶוען דֶער מְשָׁרֵת פוּן אֱלִישָׁע הַנָּבִיא. וֶוען נַעֲמָן דֶער גֶענֶערַאל פוּן אֲרָם אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אֱלִישָׁע זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן פוּן זַיְין קְרֶעץ, הָאט אֱלִישָׁע נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען קַיין גֶעלְט פוּן אִים, אָבֶער גֵחֲזִי אִיז נָאכְגֶעלָאפְן נַעֲמָן אוּן לִיגְנְט גֶעזָאגְט אַז אֱלִישָׁע הָאט צוּרִיק גֶעצוֹיגְן עֶר וִויל יָא נֶעמֶען גֶעלְט אוּן נַעֲמָן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ מַתָּנוֹת, וֶוען גֵחֲזִי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ אֱלִישָׁע הָאט אֱלִישָׁע אִים גֶעשָׁאלְטְן אַז דִי קְרֶעץ פוּן נַעֲמָן זָאל אַרִיבֶּער גֵיין צוּ אִים אוּן צוּ זַיְינֶע קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי הַארְבְּקַייט פוּן מְזַלְזֵל זַיְין אִין אַ צַדִיק, וָואס מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף דֶעם אַ הַארְבֶּע שְׁטְרָאף לְדוֹרוֹת, וִוי מֶען זֶעט אַז גֵחֲזִי אִיז קְרֶעצִיג גֶעוָוארְן מִיט זַיְינֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַחֲנֶה.

אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אַרוֹיסְלֶערְנֶען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, פוּן גְלֵייבְּן אוּן פָאלְגְן דֶעם צַדִיק, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעם. וֶוען נַעֲמָן אִיז קְרֶעצִיג גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אֱלִישָׁע עֶר זָאל אִים הֵיילְן, הָאט אִים אֱלִישָׁע גֶעהֵייסְן עֶר זָאל זִיךְ גֵיין טוֹבְל'ן זִיבְּן מָאל אִין יַרְדֵּן אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר גֶעהֵיילְט וֶוערְן. פוּן אָנְפַאנְג הָאט נַעֲמָן נִישְׁט גֶעוָואלְט פָאלְגְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז אֱלִישָׁע וֶועט מַאכְן אַן אָפֶּענֶעם מוֹפֵת, אוּן אִים אוֹיסְהֵיילְן, אוּן יֶעצְט הֵייסְט עֶר אִים אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ, עֶר זָאל זִיךְ טוֹבְל'ן אִין יַרְדֵּן אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן. "אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ בֶּעסֶערֶע בֶּעדֶער אִינְדֶערְהֵיים זִיךְ צוּ בָּאדְן דָארְט, פַאר דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט אַהֶער קוּמֶען?!". בִּיז זַיְינֶע קְנֶעכְט הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "דֶער נָבִיא הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, פָאלְג אִים, וֶועסְטוּ גֶעהֵיילְט וֶוערְן" אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט זִיךְ גֶע'טוֹבְל'ט אִין יַרְדֵּן זִיבְּן מָאל, אוּן עֶר אִיז גֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן פוּן זַיְין קְרֶעץ.

זֶעט מֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן "אֱמוּנַת חֲכָמִים" פוּן גֵיין צוּ אַ צַדִיק, אוּן פָאלְגְן וָואס עֶר זָאגְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אַ קְלֵיינֶע פָּשׁוּט'עֶ זַאךְ, וַוייל אַמָאל זָאגְט דֶער צַדִיק צוּ טוּן אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אָבֶער אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, מְצוֹרָע, תשע"א לפ"ק)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת הַגָּדוֹל

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם שַׁחֲרִית, הֲלָכָה ב') אַז דֶער שַׁבָּת הֵייסְט "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁען גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ד') כִּי מִי גוֹי "גָּדוֹל" אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו - וֶוער אִיז נָאךְ אַזַא "גְרוֹיס" פָאלְק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי נָאנְט צוּ זֵיי וֶוען זֵיי רוּפְן צוּ אִים, זֶעט מֶען אַז מִיר הֵייסְן אַ גְרוֹיס פָאלְק וַוייל מִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּנְז.

נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מְלָכִים ב, ח) סַפְּרָה נָּא לִי אֵת כָּל "הַגְּדֹלוֹת" אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלִישָׁע - דֶערְצֵייל מִיר דִי "גְרוֹיסֶע" זַאכְן וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּן, זָאגְט דִי גְמָרָא (מְגִילָה כ"ז) אַז אַלֶע נִיסִים וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּן אִיז גֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעט מֶען וִוידֶער אַז וֶוען מֶען מַאכְט

<<<<<<

## א גוט ווארט

צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דִי סֵדֶר נַאכְט אִיז אַ סֵדֶר פַאר דִי גַאנְץ יָאר.

וָואס זֶעעֶן מִיר בַּיים סֵדֶר נַאכְט? אַז דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת, אוּן דֶער טַאטֶע עֶנְטְפֶערְט זֵיי. דָאס אִיז וָואס מִיר דַארְפְן מַאכְן פַאר אַ סֵדֶר אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר, אַז וֶוען דַיין קִינְד פְרֶעגְט דִיר קַשְׁיוֹת, זָאלְסְטוּ אִים עֶנְטְפֶערְן.

עֶלְטֶערְן כַאפְּן נִישְׁט וִוי וַוייט מְ'דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אַ קִינְד קֶען פְרֶעגְן נַארִישֶׁע קַשְׁיוֹת, אוּן אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל, וֶועלְן זֵיי אִים אַרָאפְּקְלַאפְּן, "הֶער שׁוֹין אוֹיף מִיט דַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין נֶערְוֶוען צוּ דִיר מִיט דַיינֶע נַארִישֶׁע קַשְׁיוֹת", אוּן מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט מֶען צֶעקְלַאפְּט דֶעם מוּט פוּנֶעם קִינְד, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין מוֹרָא הָאבְּן צוּ עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

נִישְׁט אֵייבִּיג דַארְף דָאס קִינְד טַאקֶע אַזוֹי וִויכְטִיג דֶעם תֵּירוּץ, צוּמָאל עֶר דַארְף מֶער דִי אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַארְ'ן פְרֶעגְן דִי קַשְׁיָא. וֶוען דַיין קִינְד פְרֶעגְט עֶפֶּעס, סַיי וָואס, טְרַאכְט אַ סֶעקוּנְדֶע אֵיידֶער דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף אִים אוּן דוּ קְלַאפְּסְט אִים אַרָאפּ, נוּץ אוֹיס דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ שְׁמוּעֶסְן אַבִּיסְל מִיט אִים, אִים גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט וִוי גוּט אוּן וִוי קְלוּג עֶר אִיז, אוּן מִיט דֶעם אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֶען פִיל אִידִישׁ נַחַת פוּן אִים.

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## מֶעגְן דִי מֵיידְלֶעךְ מִיטְזִינְגֶען דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן דְרָשׁוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט לֶעצְטְנְס בַּיי אַ דְרָשָׁה וִוי אִיר זָאגְט אַז דִי מִשְׁפָּחָה קֶען זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת, דֶער טַאטֶע מִיט דִי מַאמֶע מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ מֵיין אַז דָאס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה, אוֹיבּ וֵוייס אִיךְ גוּט אִיז דִי הֲלָכָה אַז דֶער טַאטֶע מֶעג טַאקֶע הֶערְן זַיין וַוייבּ אוּן טֶעכְטֶער זִינְגֶען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז קוֹל בְּאִשָּׁה עֶרְוָה, אוּן עֶר טָאר נִישְׁט זָאגְן קַיין דְבָרִים שֶׁבִּקְדוּשָּׁה בִּשְׁעַת זֵיי זִינְגֶען. אַזוֹי וִוי וֶוען זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעדֶעקְט צְנִיעוּת׳דִיג אִיז דָאס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם פַארְ׳ן טַאטְן אוּן מַאן, אָבֶּער עֶר טָאר נִישְׁט דֶעמָאלְט זָאגְן קַיין דְבָרִים שֶׁבִּקְדוּשָּׁה אִין פָארְנְט פוּן זֵיי.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס עֶנְטְפֶערְן אוּן קְלָאר שְׁטֶעלְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י״ט אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (ג׳ אֲלָפִים, תמ״ד) פְרֶעגְט אֵיינֶער אָן מוֹהֲרָא״שׁ אַזַא שְׁאֵלָה: ״אִיךְ פִּיר זִיךְ צוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּזַאמֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער הֱיוֹת אִיךְ הָאבּ שׁוֹין עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, וִויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ זֵיי מֶעגְן מִיטְזִינְגֶען צוּזַאמֶען מִיט מִיר דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת?״ אוּן מוֹהֲרָא״שׁ עֶנְטְפֶערְט אִים: ״אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ שֶׁאַתָּה שָׁר וּמְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשֻׁלְחָן הַשַּׁבָּת עִם כָּל הַיְלָדִים״, וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ זִינְגְסְט זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה מִיט אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער, ״שֶׁרַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הִקְפִּיד עַל זֶה מְאֹד מְאֹד, וְרָצָה שֶׁאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ יָשִׁירוּ בְּכָל שַׁבָּת אֶת שִׁירֵי הַשַּׁבָּת וְיֹאמְרוּ אֶת כָּל הַזְּמִירוֹת וְלֹא יִתְבַּיְּשׁוּ מֵאַף אֶחָד, כִּי עִיקָר הַיַּהֲדוּת זֶה תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת״, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל זִינְגֶען יֶעדְן שַׁבָּת נִיגוּנִים לְכָבוֹד שַׁבָּת, אוּן מֶען זָאל זָאגְן אוּן זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת אוּן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם, וַוייל זִינְגֶען זְמִירוֹת אִין שַׁבָּת אִיז

<<<<<<

>>>>>>

נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה הֵייסְט דָאס ״גָדוֹל״ - ״גְרוֹיס״.

דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת ״שַׁבָּת הַגָּדוֹל״ וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁען גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הֵייסְט דָאס שַׁבָּת ״הַגָּדוֹל״ - דֶער ״גְרוֹיסֶער״ שַׁבָּת.

דֶער טוּר בְּרֶענְגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ת״ל) אַז אִין שַׁבָּת הַגָּדוֹל הָאבְּן דִי אִידְן גֶענוּמֶען אַ לֶעמֶעלֶע וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן דִי מִצְרִיִים אוּן עֶס צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם בֶּעט, כְּדֵי דָאס צוּ שֶׁחְטְ׳ן פַאר אַ קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעקְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיין נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁען נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ אַ נֵס וָואס הָאט דֶעמָאלְט פַּאסִירְט וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶדְרָשׁ (מֶדְרָשׁ תְּהִלִּים מִזְמוֹר קל״ו) אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעזָאגְט דִי מִצְרִיִים אַז דִי בְּכוֹרִים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן, זֶענֶען אַלֶע בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶרֶע טַאטֶעס אוּן גֶעזָאגְט: ״בִּיז יֶעצְט אִיז גֶעשֶׁען אַלֶעס וָואס מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט, ווִילְט אִיר נִישְׁט אַז מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן לֶעבְּן? לָאזְט אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועלְן מִיר שְׁטַארְבְּן!״ הָאבְּן דִי טַאטֶעס גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אֲפִילוּ אַלֶע מִצְרִיִים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן וֶועלְן מִיר נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן דִי אִידְן פוּן דָא!״, זֶענֶען דִי בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן: ״לָאז אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן דָא, מִיר הָאבְּן נָאר צָרוֹת פוּן זֵיי״, הָאט פַּרְעֹה גֶעהֵייסְן זַיינֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן פַארְטְרַייבְּן דִי בְּכוֹרִים. וָואס הָאבְּן דִי בְּכוֹרִים גֶעטוּן? יֶעדֶער הָאט גֶענוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד אוּן גֶע׳הַרְגְ׳ט זַיין טַאטֶע, ״לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם״, זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מִצְרִיִים זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶע׳הַרְגְ׳ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי בְּכוֹרִים.

זֶעט מֶען דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעשֶׁען, אוּן אַלֶעס נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן עֶס טַאקֶע גֶעטוּן, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז גֶעשֶׁען דִי נִיסִים, אוּן דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת ״שַׁבָּת הַגָּדוֹל״.

### דֶער שֵׂכֶל אִין גָלוּת

בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גֶעוֶוען דֶער עִיקָר גָלוּת מִצְרַיִם, אַז דֶער שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת, דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער כֹּחַ, אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס אוֹיסְ׳פּוֹעלְ׳ן מִיט תְּפִלָּה, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס פּוֹעלְ׳ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּן אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח״ - ״פֶּה-סָח״ אַז דֶער מוֹיל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט אִין ״שַׁבָּת הַגָּדוֹל״ דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרוֹיסְצוּגַיין פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם מִצְרַיִם, מֶען זָאל ווִיסְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע כּוֹחוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז זֵייעֶר לִיבּ, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיסְ׳פּוֹעלְ׳ן בַּיי אִים, מֶען דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן פ״ח): דֶעם טַעַם פַארְוָואס מֶען דְרֵייט אִיבֶּער דֶעם טִישׁ אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל. וַוייל דֶער טִישׁ וַוייזְט אוֹיפְ׳ן דִיבּוּר, אוֹיף רֶעדְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל מא, כב) ״וַיְדַבֵּר״ אֵלַי זֶה ״הַשֻּׁלְחָן״ אֲשֶׁר לִפְנֵי ה׳. דֶערְפַאר דְרֵייט מֶען אִיבֶּער דֶעם טִישׁ וַוייל דֶער דִיבּוּר וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט. פַאר מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אִיז דֶער דִיבּוּר נָאךְ גֶעוֶוען אִין גָלוּת, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן ״פֶּסַח״ - ״פֶּה-סָח״, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן, אִיז דֶער דִיבּוּר אַרוֹיס פוּן גָלוּת.

עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, אַז אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל עֶסְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם גֶעוֶוענְלִיכְן פְּלַאץ וואוּ מֶען עֶסְט גֶעוֶוענְלִיךְ שַׁבָּת, וַוייל דָארְט אִיז שׁוֹין גְרֵייט פַאר פֶּסַח, מֶען עֶסְט אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע טִישׁ. זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז פַאר פֶּסַח אִיז דֶער טִישׁ, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְנִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ. בִּיז עֶס קוּמְט פֶּסַח, עֶסְט מֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵדֶר שׁוֹין אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ, וַוייל דֶעמָאלְט גֵייט יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַזוֹי וִוי מֶען עֶסְט טַאקֶע נִישְׁט שַׁבָּת הַגָּדוֹל אוֹיף דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע טִישׁ, קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט מְסוּדָר אַלֶעס וִוי נָארְמַאל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״ח) אַז דֶער עִיקָר פַּרְנָסָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוענְדְט זִיךְ צוּ עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, וַוייל כַּעַס נֶעמְט אַוֶועק דִי פַּרְנָסָה. דֶערְפַאר אוֹיבּ ווִיל מֶען טַאקֶע פַארְעֶכְטְן דֶעם טִישׁ אוּן בַּאקוּמֶען גְרוֹיס שֶׁפַע אוֹיף פֶּסַח, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן קֵיינְמָאל, אוּן פִירְן דֶעם שַׁבָּת הַגָּדוֹל מִיט רוּאִיגְקֵייט אוּן פְרֵייד, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

### דִי זִיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

שַׁבָּת הַגָּדוֹל זָאגְט מֶען דִי הַפְטוֹרָה פוּן ״וְעָרְבָה לַה׳״, דָאס הָאט שַׁיְיכוּת מִיט שַׁבָּת הַגָּדוֹל, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט דָארְט בַּיים סוֹף דֶעם פָּסוּק ״הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה׳ ׳הַגָּדוֹל׳ וְהַנּוֹרָא״, מִיר וַוארְטְן שׁוֹין וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער ״יוֹם הַגָּדוֹל״, וֶוען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמְט אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) ״כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה׳״ - וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיי דִי מְעָרָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, הָאט עֶר זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ בָּשָׂר וָדָם, אוּן עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי גְרוֹיס אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַז עֶר וֶועט זַיין דֶער וָואס וֶועט קוּמֶען זָאגְן דִי בְּשׂוֹרָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז מָשִׁיחַ קוּמְט אוּן יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן אוּן לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר אִים דִינֶען.

> **״פֶּה-סָח״; דֶער מוֹיל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

דָאס אִיז דִי הֲכָנָה וָואס מִיר גְרֵייטְן זִיךְ יֶעצְט צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וֶוען מֶען וֶועט צוּגְרֵייטְן דֶעם כּוֹס פַאר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוּן עֶפֶענֶען דִי טִיר פַאר אִים, צוּ וַוייזְן אַז מִיר נֶעמֶען אָן דִי לִמּוּדִים וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת.

וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט אִים זִיס דָאס לֶעבְּן, אוּן מִיט דֶעם הוֹיבְּט מֶען אָן דִי הַפְטוֹרָה ״וְעָרְבָה לַה׳״ - דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַ זִיסְקֵייט פַארְן מֶענְטְשׁ.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זִיךְ צוּ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ עֶרֶךְ שַׁבָּת הַגָּדוֹל)

>>>>>>

אייבערשטער שיקט פאר'ן מענטש, און טראָץ זיינע שווערע יסורים האט ער קיינמאל נישט אראפגענומען די שמייכל פון זיין פנים.

אלע וואס האבן געארבעט מיט שמעי, די דאקטורים און אנדערע געהילפן, האבן כסדר באוואונדערט זיין שטענדיגע שמייכל. וויסענדיג זיין גאר שווערע געזונט צושטאנד, די ביטערע שווערע יסורים מיט וואס ער ראנגלט זיך טאג טעגליך, האבן זיי נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי אזא מענטש קען זיך האלטן פרייליך און גוטמוטיג צו יעדע צייט, און נאך מחזק זיין און פרייליך מאכן יעדן ארום זיך.

שמעי איז דורכגעגאנגען שווערע פיינפולע מעדעצינישע באהאנלונגען במשך די יארן, און די וואך איז שמעי אריין אין שפיטאל אין אן עמערדשענסי צושטאנד, און ליידער האט ער דעם מאנטאג טהרה אויסגעהויכט זיין הייליגע און אויסגעלייטערטע נשמה.

די לויה איז פארגעקומען מאנטאג אוונט ביים בית המדרש מאור התפלה אין בארא פארק, הונדערטער אידן זענען ארויסגעקומען אים באגלייטן צו זיין אייביגע רוה, פילע רבנים האבן מספיד געווען און באוויינט די ביטערע אבידה.

ביי זיין הספד האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט ווי מ'האט געזען די קבלת יסורים באהבה פון שמעון, ווי טראָץ אלע זיינע ווייטאגן און יסורים, האט ער אייביג געהאט א שמייכל אויפן פנים, און אלץ געענטפערט "ברוך השם" מיט א שמייכל פאר יעדן וואס האט אים געפרעגט וואס ער מאכט, און ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין תרעומות אויפ'ן אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט אראפגעלייגט ווי ער פלעגט זיך אויסשמועסן דאס הארץ צום אייבערשטן, בפרט דאס וואס ער פלעגט מאכן א סטאנציע ביי ברכת "רפאינו" ביי שמונה עשרה פון יעדע תפלה יעדן טאג, וואו ער פלעגט פארריגסן טייכן טרערן און זיך איינבעטן ביים אייבערשטן כבן המתחטא לפני אביו, און ווען די בחורים פלעגן צוריק קומען פון פרישטאג פלעגט מען אים נאך טרעפן אויף זיין פלאץ אינמיטן שמו"ע.

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט וויפיל ער האט אלץ אנגעיאגט אין די קורצע צייט דורכצולערנען כמעט כל התורה כולה, אריינגערעכנט צוויי מאל ש"ס, און בערך אכציג מאל משניות.

נאך די לויה איז מען ארויסגעפארן קיין קרית יואל וואו ער איז געקומען לקבורה.

אין די טעגליכע בריוון וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט יעדן טאג פאר אנשי שלומינו, האט דער ראש ישיבה די וואך שטארק מעורר געווען זיך צו מאכן א חשבון הנפש, שרייבנדיג, "חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קו.) "אחד מבני החבורה שמת", ווען א חבר גייט אוועק פון די וועלט, "תדאג כל החבורה", זאלן אלע חברים זיך מאכן א חשבון הנפש; מען זאל אריין טראכטן אז סוף כל סוף וועלן אלע דארפן אוועק גיין פון די וועלט, אלע וועלן מיר דארפן איבערלאזן די וועלט און דעמאלט וועט גארנישט נוצן, נאר די תורה, מצוות און מעשים טובים וואס מען האט זיך אנגעגרייט - דאס וועט איבערבלייבן", ווייטער אין די בריוון האט דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעברענגט באריכות די עבודת הקודש פון שמעי, זיין לערנען און דאווענען, זיין שמחה און זיין שטארקע אמונה, טראָץ די פילע שוועריקייטן וואס ער איז דורכגעגאנגען, און געפאדערט פון אנשי שלומינו צו מאכן א חשבון הנפש און זען אז מיר, וואס מיר זענען ב"ה געזונט און שטארק, דארפן זיכער זיך שטארקן אין תורה ותפלה, און שמחה און אמונה.

זאל דער אייבערשטער העלפן מיר זאלן מער נישט הערן קיין ביטערע בשורות, ותהא נשמתו צרורה בצרור החיים.

**והחי יתן אל לבו!**

***

## לעצטע געלעגנהייט זיך משתתף צו זיין אינעם קמחא דפסחא קאמפיין

אין די לעצטע וואך פאר דעם יום טוב פסח, גייט ווייטער אן די קמחא דפסחא קאמפיין צוזאם צו שטעלן געלט צו קענען אויסצאלן אלע איינגעשטעלטע אין אונזערע מוסדות אויף פסח.

עס האלט יעצט ביי א מצב אז מען איז שולדיג איבער הונדערט טויזנט דאלער פאר די איינגעשטעלטע פון די מוסדות, פון די ישיבה, פון די תלמוד תורה און די סקול.

אין די לעצטע יארן איז דער קאמפיין געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע הצלחה מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, אנשי שלומינו האבן זיך זייער ווארעם אנגערופן מיט גרעסערע סכומים, און מען האט געקענט אויסצאלן אלע איינגעשטעלטע פאר פסח און זיי פארשאפט א שמחת יום טוב. מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן אידן זיך אנרופן ווארעם אויך דאס יאר, און מיט דעם האבן א גלייכע חלק אין די הייליגע ארבעט. רופט אריין צו געבן אייער ברייטהארציגע נדבה, **718-384-1652 #101**.

**כל דכפין ייתי ויכול!**

**אויב ווילט איר זוכה זיין אין די געוואלדיגע מצוה פון געבן קמחא דפסחא, צו קענען אויסצאלן אלע איינגעשטעלטע במוסדותינו הק' אויף יום טוב פסח**
**רופט אין אפיס 718-384-1652 #101**

>>>>>>

אַן עִיקָר אִין אִידִישְׁקֵייט.

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש וַוייטֶער: "וְלָכֵן גַּם הַבָּנוֹת הַגְּדוֹלוֹת יְכוֹלוֹת לָשִׁיר, כִּי סוֹף כָּל סוֹף זֶה בְּתוֹךְ הַמִּשְׁפָּחָה", דֶערִיבֶּער קֶענְסְטוּ זִינְגֶען מִיט דַיינֶע מֵיידְלֶעךְ דִי זְמִירוֹת, וַוייל דָאס אִיז דָאךְ דַיין מִשְׁפָּחָה. "וְכַמּוּבָן, שֶׁאָסוּר שֶׁיִּהְיוּ שָׁמָּה אֲנָשִׁים זָרִים", פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס טָארְן זִיךְ נִישְׁט גֶעפִינֶען דָארְט פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן, וַוייל (בְּרָכוֹת כד:) "קוֹל בְּאִשָּׁה - עֶרְוָה", פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן טָארְן נִישְׁט הֶערְן פְרוֹיעֶן זִינְגֶען, "אֲבָל בְּתוֹךְ הַמִּשְׁפָּחָה, שֶׁלֹּא נִמְצָאִים רַק אַתָּה וְאִשְׁתְּךָ וְהַיְלָדִים - מוּתָּר גַּם לְבָנוֹת הַגְּדוֹלוֹת לָשִׁיר", אָבֶּער מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה אַלֵיין, וֶוען נָאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען בַּיי דִי סְעוּדָה קֶענֶען זֵיי מִיט זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת.

מוֹהֲרָא"ש פִירְט אוֹיס דִי תְּשׁוּבָה: "וְזֶה מֵעִיקָר הַחִינּוּךְ - לְחַנֵּךְ אֶת הַיְלָדִים שֶׁיָּשִׁירוּ זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת, שֶׁזֶּה דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד", זִינְגֶען זְמִירוֹת מִיט דִי קִינְדֶער אִיז אַן עִיקָר אוּן אַ יְסוֹד אִין חִינוּךְ, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

---

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

וָואס טוּט מֶען אַז דִי קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט פָּאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן? אִיר הָאט עֶפֶּעס אַן עֵצָה?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז 'קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער', אוּן אַז 'קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט', אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין.

עֶס אִיז נִישְׁט דַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז דַיינֶע קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם אַז זֵיי פָּאלְגְן נִישְׁט. אַזוֹי אִיז דֶער דֶרֶךְ הָעוֹלָם; קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד, לֶעבֶּעדִיג אוּן נִישְׁט הֶערֶעוְודִיג. קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט וֶוען מֶען רוּפְט זֵיי - נִישְׁט בַּיי אֵיין מָאל אוּן אוֹיךְ נִישְׁט בַּיי צְוֵויי מָאל, דִי גֶעזוּנְטֶע נַאטוּר פוּן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט צוּ פָּאלְגְן וְכוּ'.

יֶעצְט נָאכְן הֶערְן דִי הַקְדָּמָה וֶועט דִיר זַיין אַסַאךְ גְרִינְגֶער זֵיי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין; דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ אוּן פַארְלוֹירְן וְכוּ' וֶוען דוּ וֶועסְט זֵיי עֶפֶּעס הֵייסְן אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הֶערְן, נָאר דוּ וֶועסְט רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז זֵיי וֶועלְן פָּאלְגְן.

נָאךְ אַ זַאךְ אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן, אַז וֶוען מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער 'נֵיין' וְכַדוֹמֶה, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן שוּלְדִיג וֶוען מֶען זֶעט ווִי זֵיי הֵייבְּן אָן בְּלָאזְן אוּן מַאכְן אַ בְּרוֹגֶז פָּנִים וְכוּ'. אוֹיבּ מֶען לוֹיפְט צוּ דִי קִינְדֶער אוּן מֶען הֵייבְּט זֵיי אָן פַארְגִיטִיגְן - דָאס מַאכְט אַז זֵיי זָאלְן מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי עֶלְטֶערְן וַוייל אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע וֶוערְט גְרִינְג גֶעשֶׁעצְט. נָאר קִינְדֶער דַארְפְן ווִיסְן אַז אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן מַחְלִיט גֶעוֶועזְן צוּ זָאגְן 'נֵיין'; 'קֶענְסְט נִישְׁט גֵיין דָארְט'; 'מִיר קוֹיפְן דָאס נִישְׁט'; וְכַדוֹמֶה, דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ שׁוּלְד גֶעפִיל [גִילְטִי קַאנְטְשֶׁעס] אוּן צוּרִיק צִיעֶן.

וְעַל כּוּלָּם דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן אֲפִילוּ אֵיין טָאג פוּן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן פַאר עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, וַוייל תְּפִילָּה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, בִּפְרַט תְּפִילוֹת פוּן עֶלְטֶערְן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּצִיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער עַל דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה.

BreslevCenter.com\answers

**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 646-334-2858**



# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (כו)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: ר׳ בֶּער פָּארְט צוּרִיק צוּ זַיין וַוייבּ׳ס עֶלְטֶערְן אִין שְׁטָאט דַאשִׁיב, אוּן דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן צַדִיק ר׳ יוּדְל זַ״ל אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע חֲבוּרָה דִי אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן דִי גַאנְצֶע חֲבוּרָה הוֹיבְּט זִיךְ אוֹיף אוּן פָארְט צוּם רֶבִּי׳ן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, אוּן ר׳ יוּדְל גֵייט צוּם עֶרְשְׁט אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן.**

## קלו

דֶער רֶבִּי אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת, אוּן ר׳ יוּדְל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי׳ן זִיךְ דְרֵייעֶן אַהִין אוּן אַהֶער מִיט דְבֵיקוּת, אוּן דֶער רֶבִּי קוּקְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף אִים, נָאר גֵייט זִיךְ וַוייטֶער זַיין וֶועג אַזוֹי וְוִי קֵיינֶער וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען אִין צִימֶער.

ר׳ יוּדְל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיט גְרוֹיס פַּחַד אוּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן, אוּן פְּלוּצְלִינְג שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָפּ פַאר ר׳ יוּדְל אוּן פְרֶעגְט אִים, ״וָואס וִוילְסְטוּ?״, אוּן אַזוֹי וְוִי ר׳ יוּדְל אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט אַלְס אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אִין זַיין שְׁטָאט, אוּן דֶערְצוּ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ לַמְדָן אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מְקוּבָּל, עֶר הָאט זֵייעֶר גוּט גֶעקֶענְט דִי כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ״ל, אוּן דֶערְפַאר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט אַ בְּרֵייטֶע שְׁפְּרַאךְ, ״אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער אַז דֶער רֶבִּי זָאל מִיר וַוייזְן אַ דֶרֶךְ אִין עֲבוֹדַת ה׳״, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ וואוּנְדֶער מִיטְ׳ן לָשׁוֹן פוּן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס״ז, ג׳), ״לָדַעַת בָּאָרֶץ דַּרְכֶּךָ?! אֵיינֶער וָואס אִיז נָאךְ אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין אַרְצִיוּת, עֶר לִיגְט נָאךְ אִין דֶער עֶרְד, עֶר ווִיל גָאר ווִיסְן אַ דֶרֶךְ אִין עֲבוֹדַת ה׳?!״.

מִיט דִי רֵייד הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְפְן אוֹיף אִים גָאר אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶערוּקְט, אוּן אִיז גֶעבְּלִיבְן שְׁטֵיין בַּיים טִיר, אוּן הָאט שׁוֹין מוֹרָא גֶעהַאט צוּ עֶפֶענֶען נָאכְאַמָאל זַיין מוֹיל.

דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייזְן אַ שְׁמֵייכְל, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אַבִּיסְל בַּארוּאִיגְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, ״וָואס הָאסְטוּ אַזוֹי מוֹרָא פוּן מִיר? אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשׁ פּוּנְקְט וְוִי דִיר, אִיךְ בִּין נָאר אַבִּיסְל קְלוּגֶער פוּן דִיר״. אוּן אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים מֶער פְרַיינְדְלִיךְ, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּן אִיז וַוייטֶער גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְן רֶבִּי׳ן. דַאן הָאט דֶער רֶבִּי נָאכְאַמָאל גֶעוָוארְפְן אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ ווִידֶער צוּרִיק גֶעצוֹיגְן צוּם טִיר, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי נָאכְאַמָאל גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אִים אוּן אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען, אוּן אִים נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט וְוִי פְרִיעֶר, ״וָואס הָאסְטוּ אַזוֹי מוֹרָא פוּן מִיר? אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשְׁן פּוּנְקְט וְוִי דִיר, אִיךְ בִּין נָאר אַבִּיסְל קְלוּגֶער פוּן דִיר״.

אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטוּן מִיט אִים אַסַאךְ מָאל, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעבְּרָאכְן, אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אַן אֱמֶת, בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים שֵׁיינֶע זַאכְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן בָּטֵל צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי׳ן.

## קלז

דֶערְנָאךְ אִיז אַרַיין זַיין חָבֵר, דֶער צַדִיק ר׳ שְׁמוּאֵל אַייזִיק, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּטֶבַע זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְדֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים דַאן גֶעזָאגְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ צוּצוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וְוִי מְ׳רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד, אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אִים אָנְגֶעכַאפְּט בַּיי הַארְץ אוּן גֶעזָאגְט, ״אִיבֶּער אַבִּיסֶעלֶע בְּלוּט, זָאלְסְטוּ אָנְוֶוערְן [פַארְלִירְן] דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט?! קְרֶעכְץ זִיךְ אוֹיס!״.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַסַאךְ צוּ קְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ רֶעדְן צוּ זַיינֶע גְלִידֶער, בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי בְּחִינָה פוּן ״וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי״ (תְּהִלִּים ק״ט, כ״א).

דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת זָאל עֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּ זַיינֶע גְלִידֶער, עֶר זָאל רֶעדְן צוּ יֶעדְן אֵבֶר בַּאזוּנְדֶער, אוּן זֵיי מַסְבִּיר זַיין אַז אַלֶע תַּאֲווֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט זֶענֶען נַארִישְׁקֵייטְן, וַוייל צוּם סוֹף וֶועט יֶעדֶער שְׁטַארְבְּן, דֶער גוּף וֶועט אָנְקוּמֶען אִין קֶבֶר, אוּן אַלֶע אֵבָרִים וֶועלְן פַארְפוֹילְט וֶוערְן, אוּן סְ׳וֶועט בְּלַייבְּן פַארְ׳ן מֶענְטְשְׁן נָאר זַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט אִים דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען, בִּיז עֶר אִיז גָאר שְׁטַארְק נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן בְּרֶען. אוּן אוֹיךְ עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי׳ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## *ברוך דיין האמת:*

## הבחור החשוב שמעון ענדצווייג ע״ה

מיט גרויס צער און ווייטאג איז אויפגענומען געווארן די וואך מאנטאג די ביטערע בשורה איבער די פטירה פון הבחור החשוב שמעון ענדצווייג ע״ה בן ר׳ פנחס הי״ו, מחשובי תלמידי ישיבתינו הק׳, אין יונגן עלטער פון 18 יאר.

שמעון איז געווען א לעבעדיג קינד ביז די אכט יאר ווען ער איז דיאגניזירט געווארן מיט א זעלטענע מחלה, וואס פאראורזאכט רח״ל אז די קערפער זאל צוביסלעך צעגיין. מיט יעדע יאר שפעטער, איז געווארן שווערער און שווערער פאר שמעי׳ן צו גיין אויף די פיס.

במשך פונ׳ם זומער שנת תשע״ה, ווען די ישיבה איז שוין געווען ברייט באקאנט אין די וועלט מיט די געוואלדיגע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט״א, איז דער טאטע ר׳ פנחס ארויפגעקומען אין ישיבה איבערשמועסן מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א דער מצב פון זיין זון, און דער ראש ישיבה האט געזען אין דעם א געוואלדיגע תועלת סיי פאר שמעי אז ער וועט קענען דא שטייגן און אויסניצן די צייט אומגעשטערט, און סיי פאר די אנדערע בחורים אז זיי זאלן זען פאר זיך א ביישפיל פון א בחור וואס לעבט מיט אזעלכע שוועריקייטן און נוצט אויס די צייט ווי עס דארף צו זיין. ראש חודש חשון האבן די בחורים אנטפאנגען שמעי אין ישיבה, און פון דאן איז ער געווארן א פערמענאנטער חלק פון די ישיבה.

שמעי האט זיך באלד צוגעכאפט צו די שיעורים פונעם ראש ישיבה, סיי צום סדר דרך הלימוד ווי ער איז געזעסן פון צופרי ביז ביינאכט אין זיין רעדער שטול מיט א הויפן ספרים נעבן זיך, און האט נישט אויפגעהערט גורס צו זיין די הייליגע תורה, טויזנטער בלעטער גמרא מיט טויזנטער פרקים משניות, מיט נאך פילע שיעורים בכל חלקי התורה, מיט א געשמאק און א חיות. ביי די שיעורים פלעגט דער ראש ישיבה כסדר באטאנען די געוואלדיגע התמדה פון שמעי, און ווי מ׳דארף זיך לערנען פון אים.

אין ווייניגער פון א יאר זינט ער איז אנגעקומען אין ישיבה האט שמעי זוכה געווען מסיים צו זיין גאנץ ש״ס. און אין יענע צייטן פלעגט ער אויך ענדיגן יעדע וואך גאנץ ששה סדרי משנה. און מיט אומגעפער א יאר צוריק האט ער געמאכט זיין צווייטע סיום הש״ס. מיט די צייט האט ער זיך געמאכט נאך שיעורים אין כל התורה כולה, און ער האט אנגעיאגט צו לערנען א געוואלד אין די קארגע דריי יאר וואס ער האט פארברענגט דא אין ישיבה.

ווי אויך האט ער זיך שטארק צוגעכאפט צו די געוואלדיגע מתנה וואס דער רבי האט אונז געגעבן פון רעדן צום אייבערשטן, דאס האט זיך ספעציעל אנגעזען ביי יעדע תפלה, ווען ער האט געמאכט יעדעס מאל אן עמטליכע סטאנציע ביי ברכת רפאינו, און מיט גרויסע בכיות זיך געבעטן אויף זיין מאמע לשון אז דער אייבערשטער זאל אים העלפן ארויסגיין פון זיין שווערע מצב.

אויך האט ער זוכה געווען צו זיין אויף ראש השנה אין אומאן מיט אנשי שלומינו, טראץ וואס דאס איז אים אנגעקומען זייער שווער.

ועל כולם האט ער מיט זיין ריין הארץ אויפגענומען די שיעורים פונ׳ם ראש ישיבה וואס רעדט אלעמאל אז א מענטש זאל נישט האבן קיין טענות קעגן דעם אייבערשטן, מ׳זאל אננעמען באהבה אלעס וואס דער

<<<<<<


## המקום ינחם אתכם

מיט א שווער הארץ זענען מיר זיך
משתתף מיט די צער און ווייטאג פון
**מו״ה פנחס ענדצווייג הי״ו ומשפחתו**
**וועלכע טרויערן אויף די פטירה פון זייער בחור**
**הבה״ח שמעון ע״ה**
**המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים**

## הבטחת מוהרא״ש

**מוהרא״ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

**אשר בנחל**

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן ״אשר בנחל״ און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידו״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
212-444-9169 / 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**